# ראשענדיגע נייעס!!!

ליידער זענען מיר היינט אינפארמירט די שרעקליכע ידיעה אז
**הונדערטער טויזענטער אידן, יריאים ושלימים, חסידים ואנ"מ**
אין דער גאנצער וועלט
זענען שרעקליך נכשל געווארן אין דעם גרויסן איסור כרת ר"ל פון

## ב(ע)ל יראה וב(ע)ל ימצא.

די וועלטליכע שרעקליכע מגיפה פון די מכשלה נוראה איז ליידער צושפרייט געווארן ר"ל אין עיה"ק ירושלים, בני ברק, גאנץ ארץ ישראל, פון דארט קיין אנטווערפן, און דערנאך קיין בארא פארק, וויליאמסבורג, קיו גארדענס, פארעסט הילס, מאנסי, שיכון וויזניץ, סקווירא, קרית יואל.

דער אומבאטרעגליכער ידיעה, איז אויפגעדעקט געווארן דורך הגאון הגדול בעל "מים המאררים" דער באקאנטער בעל מחבר פון "כרם ביבנה" ה' כרכים, ווי אלע גדולי הדור המפורסמים נעמען אנטייל דערין.

## אבל אנחנו ואבותינו חטאנו...

דערפון ווערן מיר אויך געוואויער, אז אין דעם געוואלדיגער זינד ווערן ר"ל אנגעשטעקט אויך אבותינו ורבותינו ארויף, ביז גאר צו די "ערפינדערס" פון די "שטעקעלעך מיט די שטריקעלעך", וואס זענען נתפשט געווארן אויף דער גאנצער וועלט רחמנא ליצלן, דורך די וואס האבן איינגעפירט ציילן די ספירה ממחרת יו"ט ראשון של פסח, און נישט ממחרת השבת.

דאס איז נאר א קליינע ביישפיל פון אונזערע היינטיגע "חכמי כרם ביבנה"

## עפרא לפומייהו של הני צדוקים!